**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/6/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 2022 ׳סטעיט אָוו דע סטעיט׳ וועט געהאלטן ווערן אין דעם אסעמבלי קאמער אין אלבאני אום יאנואר 5׳טן**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז דער 2022 ׳סטעיט אָוו דע סטעיט׳ רעדע וועט געגעבן ווערן אין דעם ניו יארק סטעיט אסעמבלי קאמער אום מיטוואך, יאנואר 5׳טן. דאס וועט אפצייכענען דאס ערשטע מאל אין א צענדליג יאר וואס א זיצנדע גאווערנער וועט געבן א ׳סטעיט אָוו דע סטעיט׳ אדרעס פון אינדערינען פון דעם אסעמבלי קאמער.

"דורכאויס די פארלאפענע פיר חדשים האבן מיר גענומען גרויסע פאראויס שריטן אויף צו אדרעסירן די שוועריגקייטן וואס ניו יארקער איינוואוינער האבן אויסצושטיין, פון העכערן אונזער סטעיט-ברייטע וואקסינאציע ראטע ביז באזארגן פארלייכטערונג צו אנגעשטרענגטע טענאנטן און היים אייגנטימער — אבער עס איז נאך דא אסאך ארבעט צו טון," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך קוק ארויס אויף צו ברענגען דעם 2022 סטעיט אָוו דע סטעיט אדרעס צוריק צו דעם ניו יארק סטעיט אסעמבלי קאמער דעם ערשטן מאל אין א צענדליג יאר און מיטצוטיילן מיין בליק פאר דעם קומענדן יאר מיט מיינע לעגיסלאטיווע צוזאמענארבעטער. דורך ארבעטן אינאיינעם ווייס איך אז ניו יארקער קענען נעמען אויף זיך יעדער פראוו וואס קומט אונז אנטקעגן."

קאָוויד-19 באווארענונגען וועלן זיין שטרענג איינגעפירט, און ספעציפישע פראטאקאלן וועלן געמאלדן ווערן בעפאר דעם פארקומעניש. אינפארמאציע איבער געסט זיך-ערטער און איבערפליס ערטער וועט באלד מיטגעטיילט ווערן. געסט ווערן דערמאנט אז זעקלעך, בעקפעקס, רענצלען, פאסילקעס און טאשקעס און אנדערע אזעלכע סארטן ארטיקלען וועלן זיין שטרענג פארבאטן פון דעם פארקומעניש, און די זעלבע מיט געווער און קאנטראלירטע סובסטאנצן (דראָגס).

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך אויסשרייבן